עק וועלט...
געמאלדן דורך נאר בשמחה - ט"ז אלול התשפ"א 18:42

---

איך קען נישט קיינעם דא... איך שעם זיך נאך, אבער...

ס'איז שוין באמת עק וועלט, ס'האט נישט קיין שום פשט זיך צו נעמען נאכאמאל אן טון עפעס מער

מיין מעשה איז זייער טיפיקעל, ס'האט זיך אנגעהויבן ווען איך בין געווען 16 יאר אלט און ס'צוט זיך ביז היינט שוין אפאר יאר נאך מיין חתונה.

אין מיין סביבה בין איך פון די גאר געלונגענע יונגעלייט אבער מיין הארץ איז צוריסן נאר פון ליינען מיין שורה פריער אז שוין אזויפיל יאר וואס איך דריי מיך אזוי ארום... אזעלכע הארץ עסעניש, עליות און ירידות, אזויפיל מאל זיך פארגענומען אז איך גיי נישט צורירן קיין כלים און איך האב יא, איך גיי נישט אויפהייבן די טעלעפאן ווען יענע חבר רופט מיך, האב איך פלוצלינג באקומען נייע חברים, בקיצור יענס געשעפט.

ווען איך האב געטראפן דעי סייט האב איך ממש ווי אנגעהויבן צו וויינען אז ענדליך זענען דא אידן, הייליגע אידן, הארציגע אידן, וואס פארשטייען מיין געפיל.

אבער די שטן האט נישט גערוט און ארייגעלייגט אזא שטארקע בושה זיך צו קומען עפענען. האט זיך עס געצויגען פאר נאך אפאר חדשים און אינצווישן מיך נאך אסאך מער צובראכן.

איך האב יא אסאך שוין דא געליינט און גענומען הויפנס חיזוק, אבער נאך אלץ נישט געהאט די שטופ צו עפענען מיין טשארט פאר 90 טעג, ווייל איך האב געוויסט ווי עס גייט זיך ענדיגן, מיט בערך 2 אדער 3 טעג. אבער נעכטן האב איך בעזהשי"ת זוכה געווען צו האבן די ריכטיגע שטופ ארויפצוגיין אויפ'ן געיעג פאר 90 טעג.

איך בין נאכאלץ זייער דערשראקן ווען איך טראכט אז איך וועל האלטן אין איין דורכפאלן, נאך א מזל מ'שרייבט נישט דא די עכטע נעמען.....

איך האף און איך קוק צום באשעפער זאל מיך האלטן ריין, און איך קוק ארויס פאר חיזוק און הילף פון אזעלכע וואס האלטן שוין ווייטער פון מיר.

א איד וואס פראבירט צו זיין בשמחה מיט דעיס וואס ער טוט יא......

============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך שלום גאנץ - כ"ט תשרי התשפ"ב 16:31

---

בשמחה'לע איך בין זייער פרייליך פאר דיין נס!

ס'איז זייער א גוטע געפיל צו בלייבן ריין ווען מהאט שוין געמיינטס'איז דערנאך

און דאס איז נאך א דערמאנוג ווי שטארק דער באשעפער איז און ער קען העלפען און **"אלע"** מצבים אפילו סזעט נישט אויס מעגליך, נאר רוב מאל ווען מהאט אזא שטארקע נסיון קען מען זיך נישט אליינס איבערגעבן צום אייבערשטען רעדט מען מיט א חבר - אזוי'ווי דו האסט געטון - און צוזאמען איז גרינגער

---

=====================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נאר בשמחה - א' חשון התשפ"ב 15:25

---

מ''ה אשיב לה' כל תגמלוהו עלי

איך דאנק דיר ליבע גאט פאר די 45 טעג ריין וואס דו האסט מיר געשענקט

שמחה'לע

=====================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נישט שפעט - א' חשון התשפ"ב 16:31

---

הגידה לי מ"ה משכורתך

די 45 ריינע טעג - דאס אליין איז די גרעסטע שכר וואס איז נאר שייך.

אבער מ'וועט זיכער מוסיף זיין אויבן כהנה וכהנה.

חזק ואמץ, און נאר בשמחה!

=====================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נישט שפעט - ו' חשון התשפ"ב 06:10

---

מזל טוב טייערע חבר "שר החמישים"




**"נאר בשמחה - 50"** עולה כמנין **"קוה אל ה' חזק ויאמץ לבך וקוה אל ה'"**.

=====================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נאר בשמחה - ו' חשון התשפ"ב 10:25

---

אונזער חבר האלט חשבון...

כ'האב נישט קיין כח אויסערעכענען אזא לאנגע גמטרי', אבער איך גלייב דיר אויפ'ן ווארט...

און יא, איך דאנק גאט פאר דעי 50 ריינע טעג, יעדן טאג, א עכטע מתנה, ה' זאל ווייטער מיך האלטן ריין, ווייל איך קען באמת נישט אליין

=================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נישט שפעט - ו' חשון התשפ"ב 10:46

---

**נאר בשמחה געשריבן on ו' חשון התשפ"ב 10:25:**

אונזער חבר האלט חשבון...

כ'האב נישט קיין כח אויסערעכענען אזא לאנגע גמטרי', אבער איך גלייב דיר אויפ'ן ווארט...

און יא, איך דאנק גאט פאר דעי 50 ריינע טעג, יעדן טאג, א עכטע מתנה, ה' זאל ווייטער מיך האלטן ריין, ווייל איך קען באמת נישט אליין

אזא שאד

ווען איך ווייס אז דו גייסט נישט רעכנען, ריק איך אריין נאך אפאר ווערטער... 😀😉

=================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - ו' חשון התשפ"ב 16:30

---

שמחה'לע אונז קען מיר ווייטער טאנצן לכבוד דיין חמישים

ביזט גרייט?

=================================================================

ענטפער: עק וועלט...

געמאלדן דורך נאר בשמחה - ז' חשון התשפ"ב 20:44

---

קודם, איך דאנק דיר טאטע פאר'ן מיך האלטן ריין היינט, און אלע טעג ביז היינט

איך בעט אויף ווייטער אל תעזבנו ואל תטשנו לנצח

ה' אנה לידי, דעי וואך שבת, א שטיקל חי' הרי''ם, לעצטע שטיקל פר' בראשית, קען זיין אנדערע אידן וועלן הנאה האבן שרייב איך עס אראפ

אויפ'ן פסוק **''ונח מצא חן בעיני ה' ''** זאגט ער אז די מושג פון נושא חן זיין קען מען זיך לערנען פון אנדערע פלעצער ווי מ'געפינט אין די תורה חן, למשל**''חן אשה על בעלה''** , וואס די סבה דערצו איז ווייל די פרוי האט נישט גארנישט אויסער איר מאן, זי איז זיך אינגאנצן מבטל פאר איר מאן, און דעיס איז די עיקר מציאות החן. און אזוי ארבעט עס אויך ביים אייבערשט'ן זאגט ער, **אז א מענטש איז זיך אינגאנצן מבטל פאר אים**און ער פארשטייט און זאגט פאר'ן באשעפער אז ער האט נישט קיין אייגענע כוחות נאר ער פארלאזט זיך לגמרי אויף אים אז ער וועט אים פירן אויפ'ן ריכטיגע וועג, אזוי ווי א פרוי וואס פארלאזט זיך אויף איר מאן, **טרעפט ער חן בעיני ה'** און אפי' אויב ער איז נישט ראוי, וועט אים די אייבערשטער מאכן ער זאל קענען זיין א אמת'ע צדיק עכ''ד.

זאל די ברכה מקויום ווערן, אמן

============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך חיים שיש בהם - ז' חשון התשפ"ב 21:20

---

**אמן!!!**

שטארק ווארט!

============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך טשולענט - ז' חשון התשפ"ב 23:36

---

ישר כח זייער א גיט ווארט

============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נישט שפעט - ח' חשון התשפ"ב 02:06

---

זייער א שטארק הייליג ווארט!

יישר כח פארן ברעגנען

און מזל טוב פאר דיינע **נ** אר**ב**שמחה ימים

==============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - ח' חשון התשפ"ב 03:00

---

פשיהא! שמחה'לע האט טאלאנט און א ווארעם הארץ!

==============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נישט שפעט - ט"ז חשון התשפ"ב 07:55

---

מזל טוב חבר פאר דיינע 60 טעג!

ס' ימים. צדיקים האבן געזאגט אז א ס' איז א עיגול, אן קיין אנהייב און אן קיין סוף.

זאל דיין 'נאר בשמחה' און דיין ריינקייט קענען ווייטער אנגיין בלי גבול וקצה, בשמחה וטוב לבב.

השמח באמת בשמחתך

הק' נ"ש

==============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נאר בשמחה - י"ח חשון התשפ"ב 17:21

---

פאר אלעם, ש'כח הייליגע באשעפער, מיין טאטע וואס האט מיך ליב, פאר דעי ריינע 62 טעג, וואס איך ווייס בידיעה ברורה אז ס'קומט פון דיר, און איך דאנק דיר און בעט אויף ווייטער, איך זאל היינט אויך זיין ריין.

איך וויל מיך עפעס ארויסרעדן....

את חטאי אני רוצה להזכיר...

-נעכטן נאכט האב איך געליינט פון איינעם'ס אלטע טרעד, ווי ער שרייבט זיינע נסיונות וואס ער האט געהאט פון אלס יונגל בחור. און איך בין געווארן עקסייטעד צו ליינען וועגן שמוץ....

און מיין נישט אז ס'געשטאנען דארט ווער ווייסט וואס, ס'איז לכאו' אויסגעהאלטן לויט די כללים פון הד''א, אבער מיך האט עס געכאפט. איך האב געוואלט אויפהערן צו ליינען אבער נישט געקענט ווייל ס'איז בעצם מותר, איך ליין דאך הד''א, נישט אזוי?

ניין, נישט אזוי..... בכלל נישט...... איך דארף וויסן אז ס'נישט אויסגעהאלטן פאר מיר בשום אופן אפי' אויב ס'איז אויף הד''א..... איך טאר נישט טון דעי זאכן, פינטל.

צו איך גיי מיך נעקסטע מאל קענען צוריקהאלטן פון ליינען עפעס וואס איך פיל אז ס'פיטערט מיין קרענק? איך ווייס נישט, בעסער געזאגט איך ווייס אז נישט. אבער קודם שמועס איך עס אויס, און מ'וועט דאווענען אויף דעם צום ליבען פאטער, וואס ער קען זיכער, ער האט מיך געפראווט....

באשעפער איך בעט דיך באמת פון די טיפענישן פון מיין הארץ, העלף מיך זיין ריין, אבער אמת'דיג ריין, איך זאל נישט טון וואסדי ''איך'' וויל נישט, אין נישט ליינען וואס איך וויל נישט, און נישט טראכטן וואס איך וויל נישט, אזוי וועל איך קענען זיין א געזונטערע מענטש, מיט ריינערע מידות, א בעסערע מאן, א ערליכערע איד, און א ריינערע קינד.

אבער נאכאמאל ש'כח אייבערשטער פאר דיינע גוטע ריינע טעג וואס דו שענקסט מיר.

===============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - י"ח חשון התשפ"ב 17:28

---

שמחהלע דיין אנעסטי, דיין אמתדיגקייט מיט זיך אליינס איז צום באוואונדערן!

זאל השי"ת דיר טאקע געבן די כוחות אדורך צוברעכן די אייזערנע נסיונות

===============================================================================

ענטפער: עק וועלט...

געמאלדן דורך WillKeepHoping - י"ח חשון התשפ"ב 17:34

---

נאר בשמחה געשריבן סח י"ח חשון התשפ"ב 17:21**:**

פאר אלעם, ש'כח הייליגע באשעפער, מיין טאטע וואס האט מיך ליב, פאר דעי ריינע 62 טעג, וואס איך ווייס בידיעה ברורה אז ס'קומט פון דיר, און איך דאנק דיר און בעט אויף ווייטער, איך זאל היינט אויך זיין ריין.

איך וויל מיך עפעס ארויסרעדן....

את חטאי אני רוצה להזכיר...

-נעכטן נאכט האב איך געליינט פון איינעם'ס אלטע טרעד, ווי ער שרייבט זיינע נסיונות וואס ער האט געהאט פון אלס יונגל בחור. און איך בין געווארן עקסיידעד צו ליינען וועגן שמוץ....

און מיין נישט אז ס'געשטאנען דארט ווער ווייסט וואס, ס'איז לכאו' אויסגעהאלטן לויט די כללים פון הד''א, אבער מיך האט עס געכאפט. איך האב געוואלט אויפהערן צו ליינען אבער נישט געקענט ווייל ס'איז בעצם מותר, איך ליין דאך הד''א, נישט אזוי?

ניין, נישט אזוי..... בכלל נישט...... איך דארף וויסן אז ס'נישט אויסגעהאלטן פאר מיר בשום אופן אפי' אויב ס'איז אויף הד''א..... איך טאר נישט טון דעי זאכן, פינטל.

צו איך גיי מיך נעקסטע מאל קענען צוריקהאלטן פון ליינען עפעס וואס איך פיל אז ס'פיטערט מיין קרענק? איך ווייס נישט, בעסער געזאגט איך ווייס אז נישט. אבער קודם שמועס איך עס אויס, און מ'וועט דאווענען אויף דעם צום ליבען פאטער, וואס ער קען זיכער, ער האט מיך געפראוווט....

באשעפער איך בעט דיך באמת פון די טיפענישן פון מיין הארץ, העלף מיך זיין ריין, אבער אמת'דיג ריין, איך זאל נישט טון וואס~~ד~~ ''איך'' וויל נישט, אין נישט ליינען וואס איך וויל נישט, און נישט טראכטן וואס איך וויל נישט, אזוי וועל איך קענען זיין א גענטערע מענטש, מיט ריינערע מידות, א בעסערע מאן, א ערליכערע איד, און א ריינערע קינד.

אבער נאכאמאל ש'כח אייבערשטער פאר דיינע גוטע ריינע טעג וואס דו שענקסט מיר.

מוראדיג מוראדיג.

איך רילעיט זייער, איך האב געבעטן מיין פילטער קאמפעני צו פארמאכן די ענגלישע סייט פון הד'א, וועגן איך האב געפילט אז איך קען ווערן געטריגערט, אזוי אויך האב איך געבעטן דא אונזער מנהל צו פארשפארן די יונגעלייט ווינקעל.

אזוי ווי ביווערל האט באטאנט, דיין אנעסטי איז זייער שטארק, און דאס איז לדעתי פון די ערשטע און וויכטיגסטע יסודות צו אנהייבן דעם וועג פון רעקאווערי.

זאל דער אייבישטער דיר ווייטער שענקן פיל הצלחה און סיעתא דשמיא.

==============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - י"ח חשון התשפ"ב 17:42

---

שמחה'לע איך האף אז די נעקסטע זאך גייט נישט זיין אז

"רבותי, איך בין געקומען צו די החלטה אז הדא איז נישט פאר מיר... וכו'... ..... ....."

ווייל אויב יא.....

==============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך טויש - י"ח חשון התשפ"ב 17:47

---

סאיז מוראדיג ! דיין אנעסטי

און אויך דיין שטארקייט עס צו קומען דערציילן ברבים

איך האב אויך לעצטענס געהאט אז כבין געווארן געטריגערט פון ליינען איינעמס היסטערי

און ב"ה געהאט די שטארקייט נאכן ליינען אביסל (יענע אביסל ...... היבש אביסל ,.................) אויפצוהערן

און אויך האב עס פארציילט פאר א חבר דא אויף הד"א וואס דאס אליין נעמט אוועק אביסל די ניסיון

און ב"ה כוייס שוין היינט אז אפילו אויף הד"א ....אויב פיל איך אז עס פירט מין מוח אויף נישט גוטע פלעצער סטאפ איך

עס מיז נישט זיין אז עס וועט טריגערן א צווייטן אבער אויב פאר מיר איז עס נישט גוט "סטאפ איך"

און צו דיר טייערע "נאר בשמחה"

זייער שטארק פון דיר עס צו קומען פארציילן ברבים

KEEP ON YOUR GOOD WORK

==============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נאר בשמחה - י"ט חשון התשפ"ב 10:43

---

ש'כח ליבע אידן פאר די חיזוק

היינט געזען פון איינע פון די סלונימ'ע רבי'ס

''לא בגבורת הסוס יחפץ לא בשוקי האיש ירצה''

די אייבערשטער וויל נישט דעי וואס פארזיכערן זיך אין זיך, אז זיי וועלן בייקומען זייערע תאוות (בכל שם וחנוכא דאית ליה....)

נאר ''רוצה ה' וכו' את המיחלים לחסדו''

דעי וואס פארשטייען אז אליין קען מען גארנישט, אלעס איז נאר די אייבערשטער!

==================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך יוסף המלך - י"ט חשון התשפ"ב 14:34

---

**נאר בשמחה געשריבן חס י"ט חשון התשפ"ב 10:43:**

ש'כח ליבע אידן פאר די חיזוק

היינט געזען פון איינע פון די סלונימ'ע רבי'ס

''לא בגבורת הסוס יחפץ לא בשוקי האיש ירצה''

די אייבערשטער וויל נישט דעי וואס פארזיכערן זיך אין זיך, אז זיי וועלן בייקומען זייערע תאוות (בכל שם וחנוכא דאית ליה....)

נאר ''רוצה ה' וכו' את המיחלים לחסדו''

דעי וואס פארשטייען אז אליין קען מען גארנישט, אלעס איז נאר די אייבערשטער!

דעיס קענסטו אריינלינקן אין מיין שטיבל... אזעלכע ווערטער זענען גאר גוט פאר מיין גאווה אביסל אראפקלאפן...

==================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - כ"ה חשון התשפ"ב 11:15

---

אויף וועלכע **עק וועלט** ביסטו, שמחה'לע?

=====================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נאר בשמחה - כ"ז חשון התשפ"ב 09:29

---

געלויבט דער פון אויבן פארן מיך שענקען 71 טעג ריין, ממש א מתנה פון הימל

וואס זאל איך זאגן, יעדע מענטש איז באשערט זיינע שוועריקייטן דורכצוגיין, זה בכה וזה בכה, אבער שטעל דיך פאר א שוועריקייט צוזאמען מיט נישט זיין ריין..... איך דארף מיך עס נישט פארשטעלן איך האב עס שוין טועם געווען.... געלויבט איז גאט ב''ה אז יעצט האב איך יא די זכי' צו זיין ריין, און די גרויסער ליבע טאטע זאל מיך ווייטער העלפן

=====================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך טויש - כ"ז חשון התשפ"ב 11:08

---

"נאר בשמחה" האסט מיר דערמאנט א ווארט וואס כהאב געהערט אמאל  פון אן עושר וואס איז אדורך שווערע צייטן און איינער האט זיך אנגערופן : וואס האסטו פון דיין געלט ? האט ער גענטפערט

עס איז נישט די זעלבע איינער וואס גייט אדורך די שוועריגקייט און האט געלט

ווי איינער וואס גייט אדורך די שוועריגקייט און האט נישט קיין געלט

=====================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - כ"ז חשון התשפ"ב 19:26

---

יא די וואלוטע ביי אונז אין שמש שטיבל איז ריינע טעג!

וויפיל קאסט די וויין.... 60 ריינע טעג..!

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך שלום אהליך - כ"ח חשון התשפ"ב 07:16

---

ביווי איך האף וועסט נישט ברוגז זיין טאמער איך וועל מחולק זיין מיט דיר, צו ווייסטו וואס די שאץ פון א טאג ריין איז? צו באגרייפסטו צו חשיבות פון א מינוטקעלע ריינקייט האט? צו ביזטו משיג וואס א נחת רוח א רגע התגברות מאכט פארן בורא כל עולמים?

כל חפצי' לא ישוו בה!!!

און ווי זאגט אונזער טייערע ברודער הרב שלום גאנץ שליט"א, **יעדע התגברות איז א דימאנט אונעם אייבערשטענס קרוין!**

א פלאש וויין פאר א פעקל דיאמאנטן? סאונד נישט פראפאורשענאל

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך שיע - כ"ח חשון התשפ"ב 08:26

---

[טויש געשריבן on כ"ז חשון התשפ"ב 11:08](#)**:**

"נאר בשמחה" האסט מיר דערמאנט א ווארט וואס כהאב געהערט אמאל  פון אן עושר וואס איז אדורך שווערע צייטן און איינער האט זיך אנגערופן : וואס האסטו פון דיין געלט ? האט ער גענטפערט

עס איז נישט די זעלבע איינער וואס גייט אדורך די שוועריגקייט און האט געלט

ווי איינער וואס גייט אדורך די שוועריגקייט און האט נישט קיין געלט

שטארקווארט

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך ואטהר ואתקדש - כ"ט חשון התשפ"ב 17:24

---

יא גערעכט. די טייערסטע באטל וויין איז

5 רגעים ריינקייט.

עה צו סאך.

א האלבע רגע ריינקייט

============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - כ"ט חשון התשפ"ב 21:48

---

איך האב נישט געזאגט אז מ'גיט אוועק די טעג פארן באטל.

פשוט אויב מ'האט 60 טעג ריין קען מען נעמען דעם פלאש וויין.

האסט שוין אמאל געהערט פון דעם שטאט שמייכלסוויל ווי מען פלעגט באצאלן מיט שמייכלעך?

דאס איז אזא מין בחינה.

============================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - כ"ט חשון התשפ"ב 21:52

---

**טויש געשריבן on כ"ז חשון התשפ"ב 11:08:**

"נאר בשמחה" האסט מיר דערמאנט א ווארט וואס כהאב געהערט אמאל  פון אן עושר וואס איז אדורך שווערע צייטן און איינער האט זיך אנגערופן : וואס האסטו פון דיין געלט ? האט ער גענטפערט

עס איז נישט די זעלבע איינער וואס גייט אדורך די שוועריגקייט און האט געלט

ווי איינער וואס גייט אדורך די שוועריגקייט און האט נישט קיין געלט

מיט דעם ווארט האב איך מיך מחזק געווען די לעצטע פאר טעג!

ווייל איך האב א פראבלעם, א דאגה זאל איך ריינקייט אויך נישט האבן?

ס'איז זיכער אז מ'שטופט סאך גרינגער אדורך פראבלעמען ריינערהייט, חוץ וואס מ'שפירט א אפענע קאמיוניקאציע ליין צו טאטי.

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - ה' כסלו התשפ"ב 09:42

---

שמחה'לע שטייגט!

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נאר בשמחה - ו' כסלו התשפ"ב 23:11

---

אין מיין פריוואטע לעבן האב איך גאנץ שווערע טעג יעצט...

אז כ'האב שוין געהאט א קלער צו טוישן מיין נאמען צו 'נאר בעצבות'...

פאר 80 טעג צוריק בין איך שוין לאנג געווען פארזינקן אין פארשטינקענע פיש אין אזעלכע מצבים

געלאפן צו די שווארצע רוחות, אבי אוועק אביסל פון ריעל לייף

איך דאנק דיר טאטע אז האסט מיך געהאלטן ריין פאר 80 טעג

זייער א גרויסע  דערגרייכונג פאר מיין ארימע נפש

איך בעט דיך אויף ווייטער, העלף מיך ענדיגן דעי טאג ריין

אזוי אויך זאלסטו לינדערן מיינע ווייטאגן, איך זאל זען דיינע חסדים אויף יעדע טריט

און שיין אריין אין מיך און אין אלע אידן א רוח החיים, רוח פון שמחה, אמונה, און אלעס וואס אידן דארפן

און העלף איך זאל נישט פארגעסן פון דעי גרויסע מתנה וואס דו געסט מיך דורך מיך האלטן ריין

איך דאנק דיר טאטע!

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - ו' כסלו התשפ"ב 23:16

---

איך קען דיר וואונטשן א ברכה דער אייבערשטער זאל דיר באשערן אלעס גוטס און זאכן זאלן ווערן מסודר על צד היותר

טוב!

געדענק אבער, אלעס וואס געשעט צו דיר איז לטובה, ס'איז נאר חסדים.

זאכן זענען פארדעקט, ס'גייט קומען גוטע צייטן וואס מ'גייט אלעס פארשטיין. דעמאלטס גייט מען זאגן אהההההה...!

==========================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך WillKeepHoping - ז' כסלו התשפ"ב 00:08

---

שמחהלע ביסט א העלד!!!

איך וועל ווייטער מתפלל זיין פאר דיר ברודער.

און מזל טוב צו דיינע 80 טעג!!

==========================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך ואטהר ואתקדש - ז' כסלו התשפ"ב 14:47

---

נאר בעצבות איז זייער ריכטיג

אבער נאר מיט א פתח נ'

**נאַר בעצבות** 😩

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נישט שפעט - ז' כסלו התשפ"ב 18:14

---

[נאר בשמחה געשריבן on ו' כסלו התשפ"ב 23:11](#)**:**

אין מיין פריוואטע לעבן האב איך גאנץ שווערע טעג יעצט...

אז כ'האב שוין געהאט א קלער צו טוישן מיין נאמען צו 'נאר בעצבות'...

פאר 80 טעג צוריק בין איך שוין לאנג געווען פארזינקן אין פארשטינקענע פיש אין אזעלכע מצבים

געלאפן צו די שווארצע רוחות, אבי אוועק אביסל פון ריעל לייף

איך דאנק דיר טאטע אז האסט מיך געהאלטן ריין פאר 80 טעג

זייער א גרויסע  דערגרייכונג פאר מיין ארימע נפש

איך בעט דיך אויף ווייטער, העלף מיך ענדיגן דעי טאג ריין

אזוי אויך זאלסטו לינדערן מיינע ווייטאגן, איך זאל זען דיינע חסדים אויף יעדע טריט

און שיין אריין אין מיך און אין אלע אידן א רוח החיים, רוח פון שמחה, אמונה, און אלעס וואס אידן דארפן

און העלף איך זאל נישט פארגעסן פון דעי גרויסע מתנה וואס דו געסט מיך דורך מיך האלטן ריין

איך דאנק דיר טאטע!

**זיסע חבר**

 מ'מאכט נישט אזעלכע עקסטרעמע טריט, פון **"נאר בשמחה"** ביז **"נאר בעצבות"** , ס'איז ממש מהיפוך להיפוך...
עכסטנס וואלסטו זיך געקענט רופן **"כמעט נאך בשמחה"** , אדער **"נישט ממש נאר בשמחה"** , אדער **"אמאל געווען נאר בשמחה"** , אדער אפשר **"שוין נישט נאר בשמחה"** , אדער **"שמחה מיט אביסעלע עצבות"**, וכן הלאה.

כמובן אז דאס איז נאר אזוי בדרך צחות, נישט חלילה אז מ'לאכט פון יענעם'ס צרות.

ס'זייער שווער ליינען ווען אזא הייליגער חבר מאכט מיט שווערעקייטן, מיר ווייסן ווי בנוסף צו די עצם שווערעקייט קלאפט עס זייער אראפ זי געפיל און מ'קען חלילה שנעלערער צוקומען צו אונזער סטראגל.

 דארף מען טאקע געבן שבח והודיה פארן הייליגער באשעפער וואס האט דיר געהאלפן און געהאלטן ריין **שוין 80 טעג!!**

און מה לנו יותר מזה אז ביסט טאקע דורך שווערע טעג און מיט דעם אלעס ביסטו נישט צוריק צו די "פארשטינקענע פיש" [ליב געהאט די הגדרה], דאס ווייזט אז זאכן הייבן אן ארבעטן ב"ה.

זאל די אייבישטער העלפן מיט א ישועה כללית, אין איין רגע קען ער אויסלייזן פון אלע שווערעקייטן.

שמחה'לע ביסט א צדיק! - און קריג זיך נישט מיט מיר אויף דעם...

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך ואטהר ואתקדש - ז' כסלו התשפ"ב 22:35

---

קוק אהער.

ווען דו רופסט דיך נאר בשמחה.

רופט דיך יעדער שמחה'לע.

אויב דו ווערסט דיך רופן נאר בעצבות.

ווי אזוי וועט דיך יעדער רופן??

עצבה'לע??????????????????

נע! ס'מאכט נישט קיין סענס.

טו דאס נישט.

😏 דער עיקר "נאר בשמחה" 😂

================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - ז' כסלו התשפ"ב 23:30

---

לאמיר זאגן אז יעצט ביסטו**אביסל בעצבות** ווייל דו גייסט דורך א שווערע צייט, אבער ס'גייט נישט אייביג בלייבן אזוי, ס'גייט קומען גאר גוטע צייטן וואס דו גייסט זיין**נאר בשמחה**, איז ממילא זאלסטו יעצט אויפגעבן?

חוץ מזה וואס א נאמען איז משפיע, זאלסטו טאקע זיין**נאר בשמחה**אלעמאל!

אבער די עיקר ~ **נאר בשמחה**

=================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך BeVeryStrong - י' כסלו התשפ"ב 23:24

---

רבותי רופסט אריין די עסקנים מ׳קען שוין אויפשעלן די שאטער לכבוד שמחה׳לעס יום התשעים!

**!!הכונו!! !!הכונו!!**

=================================================================================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך נאר בשמחה - י"ב כסלו התשפ"ב 10:48

---

ש'כח באשעפער פאר מיך האלטן ריין פאר 85 טעג....

איך ווייס נישט וויאזוי, און איך ווייס נישט פארוואס

איך האב עס נישט געגלייבט. באמת.

אבער איך דאנק דיר פאר דעם

א קליינע בקשה נאר,

האלט מיך ריין היינט אויך

געזען א ווארט

אסאך זאכן שטייט אויף די אייבערשטער, וואס ער האט ליב כביכול. 'אוהב משפט' וכו' וכו'.

אבער צווישן אלע זאכן וואס ער האט ליב איז ער בוחר אין איין אהבה,

**''הבוחר בעמו ישראל באהבה''**

צווישן אלע אהבות איז ער בוחר אין די אהבה וואס ער האט צו אונז, אידישע קינדער

זאל מיר נאר גלייבן אין דעם מיט א אמת

=================================================================================

================

ענטפער: עק וועלט...
געמאלדן דורך WillKeepHoping - י"ב כסלו התשפ"ב 11:15

---

**23:24 ב"התשפ כסלו י' on געשריבן BeVeryStrong:**

רבותי רופטס אריין די עסקנים מ'קען שוין אויפשעלן די שאטער לכבוד שמחה'לעס יום התשעים!

**!!הכונו!! !!הכונו!!**

יאפ, מען גרייט זיך אין גרויסן.

(ששששש... איך בין אינגאנצען באליידיגט אז מען האט מיך נאך נישט גענומען פאר יושב ראש...אפשר בין איך נישט גוט גענוג פאריגעס מאל? אפס..לאו סעלף עסטיעם...)

============================================================
================